תמצית הגליון:
הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב
הערות פון די ליינער

# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ
## חיזוק פאר די וואך

וּבְתַנּוּרֶיךָ וּבְמִשְׁאֲרוֹתֶיךָ...

בעזרת השי"ת ▪ פרשת וארא תש"פ ▪ גליון סד'

# ווער איז חשוב'ער? איך אדער דער פראש??

### דער געוואלדיגע מוסר השכל וואס מיר לערנען זיך ארויס פון די "צפרדע"...

**פרשת וארא**: אין די וואכענדיגע סדרה, געפונען מיר די גרויסע מכות וואס פרעה מיט זיין פאלק זענען געשלאגן געווארן, אנגעהויבן מיט מכות דם, דערנאך מכות צפרדע, אא"ו ביז מכות חושך... יעדע מכה עקסטער מיט זיין אייגנארטיגקייט האט אויסגעשריגן "אין כה' אלקינו", דער גאנצע טבע האט זיך געבויגן למען כבוד שמו יתברך...

אינעם היינטיגן גליון, וועלן מיר זיך בעיקר באציען צום צווייטן מכה, מכות צפרדע. מיר וועלן נישט אזוי ווייט ארום רעדן וועגן דאס וואס עס האט געטוהן פאר פרעה, נאר דאס וואס עס האט געטוהן פאר אונז, די אידישע קינדער. אמת, די אידן זענען טאקע נישט געשלאגן געווארן מיט קיין מכות, אבער די אידן דארפן זיך ארויסלערנען פון די מכות. דער מכות צפרדע איז געווארן פאר אונז א געוואלדיגע מחייב. עס איז טאקע א קליין תמימות'דיגע פראש אבער א גרויסע און ערליכע מלמד, איינער וואס האט מוסר געזאגט פאר דוד המלך, איינער וואס האט אויסגעלערנט חנני' מישאל ועזרי' א מהלך אין עבודת השם און איינער וואס איז מחייב יעדע איינציגע איד ביזן היינטיגן טאג.

### לאמיר לערנען א פסוק חומש, און באקומען חיזוק פאר די וואך....

**וְשָׁרַץ הַיְאֹר צְפַרְדְּעִים וְעָלוּ וּבָאוּ בְּבֵיתֶךָ וּבַחֲדַר מִשְׁכָּבְךָ וְעַל מִטָּתֶךָ וּבְבֵית עֲבָדֶיךָ וּבְעַמֶּךָ וּבְתַנּוּרֶיךָ וּבְמִשְׁאֲרוֹתֶיךָ.** (ז, כח).

**דער צווייטע מכה:** מכות צפרדע... דער אייבערשטער זאגט פאר משה, "גיי זאג פאר פרעה אז ער זאל ארויסלאזן די אידן פון מצרים, ווייל אויב נישט, גיי איך שלאגן גאנץ מצרים מיט פרעש. א שטח פון פיר הונדערט פרסה אויף פיר הונדערט פרסה וועט ווערן אנגעפילט מיט פרעש[א]. וואו מען וועט שטיין, וואו מען וועט גיין, וועט זיין צפרדעים."

דער אייבערשטער זאגט ווייטער, "אזוי אויך, געב איבער אלע דעטאלן פון די מכה פאר פרעה און זאגט אים: "פון טייך נילוס וועט זיך דאס אנפאנגן. פון דארט וועלן די צפרדעים ארויסשפראצן און ממשיך זיין זייער וועג ביז דיין שטוב, אריין אין דיין צימער ביז צו דיר אין בעט. אזוי אויך, וועלן זיי זיך צושפרייטן איבעראל, אין אלע הייזער, אין די אויוועגעס און אין די טייגן...""

**וכך הוי:** נאך דריי וואכן פון ווארענונג[ב], זאגט דער פסוק: **וַתַּעַל הַצְפַרְדֵּעַ וַתְּכַס אֶת אֶרֶץ מִצְרָיִם.** (שמות ח, ב). א ריזיגע פראש האט זיך ארויסגעריקט פונעם טייך נילוס און באדעקט גאנץ מצרים...

### ווי אזוי קען איין פראש באדעקן גאנץ מצרים?

זאגט די מדרש (שמו"ר י, ד. וכ"ה בסנהדרין סז:). **תני, רבי עקיבא אומר צפרדע אחת היתה והיא השריצה ומלאה את ארץ מצרים.** ר' עקובא זאגט: עס איז געווען איין גרויסע פראש וואס האט ארויסגעשפראצט פונעם טייך. יעדעס מאל וואס מען האט איר געשלאגן, איז פון איר ארויס גאנצע שורות פון פרעש און דאס האט אנגעפילט גאנץ מצרים (וכן פי' רש"י).[ג]

אבער ר' עקיבא'ס פשט געפעלט נישט פאר רבי אלעזר בן עזריה און ער זאגט אים שארפערהייט, "עקובא, דברי אגדה איז נישט געמאכט פאר דיר. לאז זיך אפ פון מסביר זיין די דברי אגדה. ענדערש גיי צו די סוגיות פון נגעים ואהלות. נישט אזוי איז פשט. פשט איז אז עס געווען איין צפרדע וואס האט געפופן פאר די איבריגע צפרדעים אז זיי זאלן קומען און אלע פרעש זענען געקומען צו לויפן." (וכן פי' הרמב"ן)

דער רמב"ן איז מסביר[ד] די נפק"מ צווישן די צוויי פשטים: לדעת ר' עקובא קומט אויס אז עס איז דא געווען א נייע יצירה. יעדע רגע איז באשאפן געווארן נייע קליינע פרעש וואס האבן ארויסגעשפרינגען פון די גרויסע פראש. משא"כ, לדעת ר' אלעזר איז נישט געווען קיין שום

---

[א] כמו שאמרו ז"ל (שמות רבה י,ב) שמזה נודע גבול בין מצרים לכוש, עד היכן תחום כל מלכות מגיע...
[ב] עי' פי' רש"י עה"פ וימלא שבעת ימים (ו, כה) שהיתה מכה משמשת רביע חדש, ושלשה חלקים היה מעיד ומתרה בהם. (שמו"ר ז, יב)
[ג] עי' פי' רש"י צפרדע אחת היתה והיו מכין אותה והיא מתזת נחילים נחילים.
[ד] לקמן פסוק טו אצל מכות כנים.

פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון קענט איר זיך פארבונדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

נייע יצירה, נאר די פרעש וואס זענען שוין געווען אויף דער וועלט, זענען זיך פשוט צוזאמגעקומען...

**לערנענדיג די סוגיא, דארף מען לכאורה פארשטיין. וואס באדערט ר' אלעזר אזוי שטארק מיט די פשט פון ר' עקובא, עד כדי כך אז ער זאגט אים "עקובא, דיינע ווערטער האט נישט קיין פשט!"? איז ר' אלעזר פשט ווייניגער נס ווי ר' עקובא'ס פשט?**

**דער רמב"ן איז ממשיך:** שלא ראה ר' אליעזר בן עזריה שיוכלו החרטומים להביא טבע חדש בצפרדעים להוליד רבות חוץ מטבען...

דהיינו, רבי אליעזר באדערט א פשט אין א פסוק פון די חומש. דער תורה זאגט אונז "**וַיַּעֲשׂוּ כֵן הַחַרְטֻמִּים בְּלָטֵיהֶם וַיַּעֲלוּ אֶת הַצְפַרְדְּעִים עַל אֶרֶץ מִצְרָיִם**". זאגט ר' אלעזר צו ר' עקובא, "עקובא, לשיטתך שטימט נישט די פסוק ווייל ווי אזוי קענען די חרטומים באשאפן נייע פרעש? אבער לויט מיין פשט, שטימט דאס זייער גוט ווייל צוזאמברענגן פרעש וואס עקזיסטירט שוין, דאס האבן זיי יא געקענט."

ואולי, קען מען מסביר זיין די מחלוקת באופן אחר...

## ווער איז רבי אלעזר בן עזריה? און ווער איז רבי עקובא?

**רבי אלעזר בן עזריה:** נאך א געוויסע פאסירונג מיט רבן גמליאל דיבנה, האבן די חכמים פון יבנה מחליט געווען אוועקצונעמען די נשיאות פון אים און דאס איבערגעבן פאר רבי אלעזר בן עזריה. על אף וואס ער איז דעמאלטס געווען זייער יונג[ה] איז ער אבער געווען גרויס אין חכמה און אין יוחס (אן אייניקל פון עזרא הסופר).

דערציילט די גמרא (ברכות כח.): די פריערדיגע נשיא, רבן גמליאל, פלעגט אויסרופן "**כל תלמיד שאין תוכו כברו לא יכנס לבית המדרש**", נאר אזא תלמיד וואס איז ממש אויסגעארבעט אין תורה און אין יר"ש קען ארייננקומען אין ביהמ"ד.

אבער ווען ר' אלעזר איז געווארן נשיא, האט ער געזאגט: **תנא אותו היום סלקוהו לשומר הפתח ונתנה להם רשות לתלמידים ליכנס.** "ניין, מען דארף נישט נאכקוקן קיינעם. לאז יעדעם אריין." פון יענע טאג, האט מען אוועקגענומען די שומר הפתח וואס פלעגט שטיין ביים טיר פון ביהמ"ד און מען האט אריינגעלאזט יעדע תלמיד וואס האט געוואלט קומען לערנען.

זאגט די גמרא: יענע טאג זענען אנגעקומען אזויפיל תלמידים אז מען האט געדארפט צולייגן נאך פיר הונדערט בענק אין ביהמ"ד לויט איין מ"ד. לויט א צווייטע מ"ד, האט מען צוגעלייגט אזויפיל ווי זיבן הונדערט בענק. רבן גמליאל, זעענדיג די גרויסע הרבצת התורה וואס האט דא פאסירט אין איין טאג, חלשא דעתיה דר"ג אמר: **דלמא ח"ו מנעתי תורה מישראל**?

זאגט די גמרא: יענע נאכט האט מען געוויזן אין חלום פאר ר"ג, פיל מיט ווייסע ערדענע קריגלעך אנגעפילט מיט אש, מרמז צו זיין אז די אלע תלמידים וואס זענען צוגעקומען זענען נישט אזעלכע ערליכע.

יא, אינדרויסן קוקן זיי אויס גוט, אבער אינעווייניג זענען זיי אלע שווארץ.

זאגט אבער די גמרא **ולא הוא**... עס איז נישט ממש געווען אזוי. די תלמידים זענען יא געווען ערליכע, נאר די חלום איז ס"ה געווען צו בארואיגן רבן גמליאל. ע"כ.

לאמיר זיך מתבונן זיין אין די דברי הגמרא. ווי אזוי קען זיין אז מען זאל ווייזן אין חלום פאר רבן גמליאל אז די תלמידים זענען נישט ערליך נאר כדי אים צו בארואיגן, אין פאל וואס באמת זענען זיי יא געווען ערליך?!

ואולי קען אפשר זיין אז די תלמידים זענען באמת יא געווען ערליך, אבער נישט אזוי ערליך ווי רבן גמליאל האט געוואלט. דערפאר, ווען מען רעדט צו רבן גמליאל וואס לשיטתו דארף דאס זיין תוכו כברו ממש, ווייזט מען אים שיינע קריגלעך אנגעפילט מיט אש. ווידער, לדעת ראב"ע, וואס לשיטתו דארף מען זיי נישט נאכקוקן, זענען זיי באמת געווען ערליכע. (וע"ע בערוך השולחן יו"ד רמ"ו, כא)

**היוצא לנו מכל זה, שיטת ראב"ע איז געווען אז כדי צו לערנען תורה און קענען וואקסן, דארף מען נישט זיין אזא גרויסע עובד ה'. מען קען זיין א פשוט'ע איד וואס האט גוטע רצונות און בעזהשי"ת, מיט די צייט, וועט ער וואקסן...**

## און ווער איז רבי עקובא?

**רבי עקובא:** די מעשה פון רבי עקובא ווייסן מיר אלע. רבי עקובא האט שטענדיג געהאלטן ביי זיך אז "ער קען נישט לערנען" און ער מיט זיינע השגות איז נישט געמאכט געווארן צו לערנען. ענדערש זאל ער זיין א פאסטיך ווי איידער גיין אין ישיבה. א ישיבה איז נאר געמאכט פאר אזא איינער וואס איז אן אמת'ע תלמוד חכם מיט גוטע כשרונות.

ביז איינמאל, ווען ער האט זיך באגעגנט מיט א גרויסע שטיין וואס האט געהאט א טיפע לאך אין איר. אזוי קוקנדיג אויפן שטיין, זעהט ער ווי וואסער טראפט דארט אריין, איין טראפ נאכן אנדערע קלאפט אויפן שטיין. זאגט רבי עקובא צו זיך, "אויב וואסער קען מאכן א לאך אין א שטיין, דאס הייסט אז מען קען טוישן א בריאה פון זיין הארטנאקיק צו ווייך, קען די תורה אויך אריינגיין אין מיין שטיינערנע הארץ אין דאס אדורך לעכערן!"[ו]

זייענדיג אלט פערציג יאר, איז רבי עקובא אריין אין ישיבה און אויסגעוואקסן צו זיין איינע פון די גרעסטע רבי'ס בדורו.

לאמיר אריינקלערן, ווען מיר זאלן פרעגן רבי עקובא נאכדעם וואס ער האט זיך משלים געווען, (שהיה חבירו של ראב"ע[ז]) "וואס האלט דער רבי ביי דער ענין פון ראב"ע, דארף דער מענטש זיין א מושלם כדי צו לערנען תורה? אדער קען מען אריינגעמען יעדע פשוט'ע איד וואס וויל לערנען?"

---

[ה] לפי תלמוד בבלי היה כבן שמונה עשרה ועל פי התלמוד הירושלמי היה כבן שש עשרה שנה.

[ו] אבות דרבי נתן פרק ו' הלכה ב'

[ז] ווי מיר זאגן אין די הגדה: מַעֲשֶׂה בְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר וְרַבִּי יְהוֹשֻׁעַ וְרַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה, וְרַבִּי עֲקִיבָא וְרַבִּי טַרְפוֹן, שֶׁהָיוּ מְסֻבִּין בִּבְנֵי בְרַק.

אודאי האלט ער פונקט ווי זיין טייערע חבר... מען דארף יעדן אריינלאזן און לערנען תורה מיט יעדער וואס וויל לערנען! **וכן עשה-** רבי עקובא האט מרביץ תורה געווען פאר טויזנטע תלמידים. יעדע יאר וואס ער האט מרביץ תורה געווען, איז צוגעקומען נאך טויזנטע תלמידים... פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים אין פיר און צוואנציג יאר. ווייל רבי עקובא האט אויך געהאלטן אז "מען דארף יעדעם אריינלאזן".

דאס אלעס האט זיך אבער געטוישט, ווען די שרעקליכע טראגעדיע האט פאסירט. אין איין שטיקל צייט זענען אלע פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים אויסגעשטארבן[ח], איבערלאזנדיג זייער רבי'ן עלנד אליין, אן קיין שום תלמידים. פארוואס? **שלא נהגו כבוד זה לזה**. יא, דער עולם האט פיין געלערנט אבער עס איז נישט געווען הונדערט פראצענט תוכו כברו, עפעס יר"ש האט זיי געפעלט וואס דערפאר "לא נהגו כבוד זה לזה".

דערציילט די גמרא (שם ביבמות סב:) **והיה העולם שמם**, קיינער האט נישט געלערנט... **עד שבא ר"ע אצל רבותינו שבדרום ושנאה להם.** רבי עקובא האט אנגעהויבן פון פריש, אבער יעצט האט ער געטוישט זיין גאנצע מהלך, ער גייט נאר לערנען תורה מיט אזעלכע וואס זענען ממש תוכו כברו. עס קען זיין אז עס וועט זיין ווייניג תלמידים, אבער ער דארף תלמידים וואס וועלן בלייבן און פארשפרייטן תורה. פינעף גרויסע תלמידים זענען ארויסגעקומען פון יענע ישיבה: **ר"מ- ור' יהודה- ור' יוסי- ורבי שמעון- ורבי אלעזר בן שמוע- והם הם העמידו תורה אותה שעה.**

וואס האלט יעצט רבי עקובא? רבי גמליאל איז גערעכט, מען קען נאר לערנען תורה פאר אזא איינער וואס איז תוכו כברו.

• • •

נאך איין נקודה איידער מיר קומען צוריק צום מחלוקת

## דער צפרדע אין מצרים!

זאגט די גמרא (פסחים נג:, וכן הוא במדרש שמו"ר י, ב), דרש תודוס איש רומי: **מה ראו חנניה מישאל ועזריה שמסרו עצמן על קדושת השם לכבשן האש**? וואס עפעס האבן זיך די צדיקים מוסר נפש געווען, ווען זיי וואלטן על פי הלכה זיך בכלל נישט גדארפט מוסר נפש זיין? (עי' בחידושי הר"ן שם שפסל שעשה נבוכדנצר לא היה עו"ז אלא לכבודו עשה).

זאגט די גמרא: **נשאו קל וחומר בעצמן מצפרדעים**. די הייליגע צדיקים האבן זיך אויסגעלערנט פון די צפרדעים. מאדערף די צפרדעים, וואס אויף זיי שטייט די פסוק: **ובאו ועלו בביתך וגו' ובתנוריך ובמשארותיך** (ז, כח), וואס זיי זענען פשוט'ע שרצים און האבן בכלל נישט די מצוה פון קידוש השם, זיי האבן אריינגעשפרינגען אין די ברענעדיגע אויוועגעס כדי צו מאכן א געוואלדיגע קידוש השם[ט], על אחת כמה וכמה, מיר אידן וואס האבן יא באקומען א צווי פון קידוש השם...

די הייליגע צפרדעים האבן זיך מוסר נפש געווען, איינמאל און נאכאמאל. אפי' אין די עקסטערן טאג וואס פרעה האט צובאקומען נאך די זיבן טעג', וואס דעמאלטס וואלטן זיי זיכער זיך נישט געדארפט מוסר נפש זיין, כי באמת כבר הגיע עת הסרתם, דאך זענען זיי אויך אריינגעשפרינגען אין די אויוועגעס אין יענעם טאג כדי צו מקדש ש"ש זיין פאר נאך איין טאג. (דברי יואל פרשת וארא עה"פ ויאמר משה לפרעה התפאר אלי וגו'.)[י]

געבט דער אלשיך הק' צו פארשטיין: פון וואו טאקע האט דער צפרדע געהאט אזעלכע השגות? זאגט דער אלשיך הק': **כי הוא יתברך נתן בהם דעה גם לזאת**. די פרעש האבן פונקטליך געוואוסט וואס זיי טוהן! בדעתם וברצונם האבן זיי זיך מוסר נפש געווען לקדש ש"ש...

על כן היטיבו דברו רבותינו ז"ל באמרם: "צפרדע", צפור שיש בו דעה.

• • •

דער מחלוקת צווישן ראב"ע און רבי עקובא

## נייע פרעש אדער אלטע פרעש, וועלכע פרעש זענען זיך מוסר נפש?

לפי"ד עד כה, קען מען זייער גוט פארשטיין די מחלוקת... דער הייליגע תנא **רבי עקובא**, זעענדיג פון וועלכע פרעש מען רעדט דא, פרעש וואס זענען כל כולו לעשות רצון קונם גרייט פאר מסירת נפש, האט געטראכט אז אזעלכע פרעש קענען נישט זיין קיין פשוט'ע פרעש. פרעש וואס זענען תוכו כברו מוזן זיין א נייע יצירה. עס האט געמוזט זיין איין פראש אבער א פעסטער און ער געבט ארויס די אלע נייע קליינע פרעשלעך...

ווידער **ראב"ע** האט געהאלטן אז יעדער קען, מען דארף נישט זיין דער גרויסע צדיק און תלמיד חכם, יעדער קען קומען לערנען און אויסוואקסן. דעמאלטס, קען **יא** זיין אז זיי זענען געווען פשוט'ע פרעש! איי, פון וואו האבן זיי גענומען זייער כח פון מסירת נפש? עס איז געווען איין גרויסע פראש, דער רבי, און ער האט גערופן אלע פשוט'ע פרעשלעך צו קומען. און **יא**, זיי אליין זענען געווען די בעלי מסירת נפש...

הצד השווה שבהן, דער צפרדע איז דער וואס איז זיך מוסר נפש...

## פארוואס פונקט דער צפרדע מער פון אנדערע?

ווייל ער לעבט מיטן אייבערשטען! לאמיר א קוק טוהן אין פרק שירה (פרק רביעי), וואס זאגט דער צפרדע? **צְפַרְדֵּעַ אוֹמֶרֶת**: בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד": הערנדיג דאס ביי די מלאכים, האט משה דאס אראפגעברענגט פאר די אידן. דער גרעסטער שבח וואס מען קען געבן פאר דעם אייבערשטען, דאס וואס מיר דארפן זאגן שטיל, דאס שרייט דער צפרדע יעדן טאג...

אבער דאס איז נישט דער גאנצע שירה פונעם צפרדע. חז"ל דערציילן אונז (בהקדמה לפרק שירה ובילקוט שמעוני לספר תהילים,

---

ח יבמות ס"ב:

ט עי' בחידושי אגדות מהרש"א, לפי שטבען של הצפרדעים הוא במים והן מתרחקות ביותר מן האש, ואעפ"כ קיימו את צווי ה' ונכנסו לתוך התנורים.

י וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה לְפַרְעֹה הִתְפָּאֵר עָלַי לְמָתַי אַעְתִּיר לְךָ וְלַעֲבָדֶיךָ וּלְעַמְּךָ לְהַכְרִית הַצְפַרְדְּעִים... וַיֹּאמֶר לְמָחָר, וַיֹּאמֶר כִּדְבָרְךָ, לְמַעַן תֵּדַע כִּי אֵין כַּה' אֱלֹקֵינוּ.

תתפ"ט): בשעת דוד המלך האט מסיים געווען זיינע שירות ותשבחות פון ספר תהילים, האט ער געפילט אין זיך א משהו פון גדלות כפי בחינתו און געזאגט פארן אייבערשטען "איז דען דא א בריאה אין דער וועלט וואס זאגט שירות ותשבחות מער פון מיר?"

יענע מינוט איז אים אנטקעגן געקומען א קליינע צפרדע און אים געזאגט, "דוד, האלט זיך נישט גרויס! איך זאג אסאך מער שירות ותשבחות ווי דיר. נישט נאר זאג איך מער, נאר אויף יעדע שירה וואס איך זאג, לייג איך צו צו דעם דריי טויזענט משלים..."

**די פרעש זענען די וואס פארשטיין און האבן די שכל צו לויבן דעם בורכ"ע מיט די גרעסטע און מערסטע שבחים! ער איז דער וואס איז פרייליך צו טוהן דעם רצון השם.**

## דער צפרדע זאגן שירה אין מצרים!

זאגט דער מאור ושמש: אויב זאגן די צפרדעים אזוי סאך שירה אין א געוועונדליכע טאג, אודאי יעצט, ווען די פרעש זענען אנגעקומען קיין מצרים לעשות רצון קונם, זיי גייען אנלערנען דעם פרעה ביי מכת צפרדע, האבן זיי געטוהן אלעס וואס דער אייבערשטער האט זיי געהייסן און אפי' מער, אריינגעטאנצן אין די ברענעדיגע אויוועס אויף קידוש השם מיט מסירת נפש ממש, אודאי יעצט אין די דערהויבענע מינוטן, האבן זיי געזאגט פיל מער שירות ותשבחות ווי יעדן טאג, מען מאכט דאך יעצט א קידוש השם.

**זאגט דער מאור ושמש:** דאס זענען געווען די אלע קולות בשעת מכת צפרדע. די הייליגע פרעש האבן געזאגט שירות ותשבחות בשעת זיי האבן זיך מוסר נפש געווען פארן בורכ"ע.

די שירות ותשבחות זענען געווען **לשברון לב ולנכאה רוח** פאר פרעה. עס איז אים געווען א שטאך אין הארץ און געברענגט אסאך ווייטאג. ער האט בשום אופן נישט געקענט הערן ווי מען זאגט אזויפיל שירה פארן אייבערשטען.

דערפאר האט פרעה גלייך גערופן משה און אהרן, "נעמט אוועק די צפרדעים פון דא!" פארוואס? **שלא ישמע עוד קולם בשירות ותשבחות.** דאס האט אים אזוי ווי געטוהן, מער ווי די גאנצע מכה פון צפרדע...

דאס איז דער צפרדע, צפור-דע, א פייגל מיט שכל. ער פארשטייט די גרויסקייט פונעם בורא כל עולמים, דערפאר פריידט ער זיך מיט דעם וואס ער איז א יציר כפו פונעם בורא. און ווען ער באקומט א באפעל פונעם אייבערשטען, ווערט זיין שמחה געדאפלט... ער זינגט שירות ותשבחות בו בזמן וואס ער גייט אויף מסירת נפש...

**וַיִּצְעַק מֹשֶׁה אֶל ה' עַל דְּבַר הַצְפַרְדְּעִים...**
(שמות ח, ח)

טייטשט דער בית ישראל (מגור): זעענדיג די געוואלדיגע מסירת נפש פון די פרעש, האט משה מורא געהאט אז אפשר וועט יעצט ווערן א קיטרוג אויף כלל ישראל, **שבני ישראל עדיין לא הגיעו לדרגה גבוהה זו של קידוש השם.**

האט משה געשריגן צום אייבערשטען כדי עס זאל ווערן אן התעוררות ביי די אידן, כדי מעורר צו זיין די זעלבע קל וחומר פון קידוש השם ביי די אידן און זיי זאלן אויך באקומען די כח זיך צו קענען מוסר נפש זיין. "ר' איד, לערנט זיך פונעם צפרדע! אזויפיל דארפסטו זיך מוסר נפש זיין!" **וכך יבואו לידי דרגה גבוהה זו של קידוש ה',** ויזכאו לצאת משעבוד לגאולה.

## מוסר השכל

מיר רעדן דא ארום וועגן א בריאה קטנה וואס הייסט "פרעש", דער מסירת נפש פון זייערע זיידעס אין מצרים, זייערע שירות ותשבחות און זייער געוואלדיגע שמחה צו טוהן דעם רצון השם...

ר' איד, צו ווייסט איר ווער איר זענט?! איין תפילה פון א איד, איין מסי"נ פון א איד, וועגט איבער אלע עבודות פון יעדן בעל חי!

צו ווייסט איר וויאזוי משה רבינו האט שטיל געמאכט די זינגעדיגע צפרדעים אין מצרים? זאגט דער מאור ושמש: **ויצעק משה אל ה' על דבר הצפרדעים. דבר איז א לשון פון דיבור, ויצעק משה אל ה',** משה האט זיך געשטעלט דאווענען, **על דבר הצפרדעים-** אויף די רייד פון די צפרדעים.

וידוע, בשעת די אידן הייבן אן זאגן שירה, דארפן אלע בריאים זיין שטיל, "אפי' די מלאכים דארפן זיין שטיל". ווי מיר געפונען ביי יהושע **שאמר שמש בגבעון דום,** די זוהן פון גבעון זאל זיין שטיל, וואס דאס האט געמיינט שטיל פון זאגן שירה, ווייל מיר גייען יעצט זאגן שירה און ווען אידן זאגן שירה, איז דער גאנצע וועלט שטיל. איז אודאי ווען משה רבינו עבד נאמן שטעלט זיך דאווענען ומתפלל בתפילות ושירות ותשבחות, דארף יעדער זיין שטיל. דערפאר האבן די צפרדעים געמוזט בעל כרחם דעמאלטס ווערן שטיל און אויפהערן מיט זייערע שירות.

**ווען יעדע איד עפענט זיין מויל צו דאנקן און לויבן קודב"ה, מאכט מען שטיל די אלע נבראים, ווייל מען וויל ליבער הערן זיין געזאנג ווי סיי וועם אין די בריאה...**

נו,לאמיר מאכן די ק"ו. מאדעך די פרעש טוען זיך מוסר נפש זיין פאר רצון הבורא, אודאי אונז ר' איד...

ניין, מען דארף נישט טאנצן אין קיין אויוועס. דער של"ה הק' זאגט (סוף פרשת וירא): פון די מעשה פון די עקידה, זאל זיך א מענטש ארויסלערנען א מוסר השכל- זיך מוסר נפש צו זיין על קדושת השם יתברך בכלל. וואס מיינט דאס מסי"נ? דער של"ה הק' איז מסביר: יעדעס מאל וואס מען ברעכט די גוף לעשות רצון קונו, מען געבט אויף סיי וועלכע תענוג למען כבוד שמו יתברך, דאס איז מסי"נ... אמאל קען דאס זיין אויפשטיין פרי צום לערנען און דאווענען, אמאל קען דאס זיין נישט ענטפערן א צווייטן בעת דער דיבור ליגט שוין ביים שפיץ צינג... דער עיקר איז **בטל רצונך מפני רצון המקום אבער מיט שמחה ותענוג...**

**געדענק: מען פסק'נט ווי ראב"ע. "יעדער וואס וויל קען קומען אין שוהל!"**

# ~ הערות פון די לייענער ~

## נחת פון די קינדער מאכט מיין ארבעט פיל גרינגער.

אינעם פאריגען גליון האט איר מסביר געווען דעם פסוק **וַיְהִי בַיָּמִים הָרַבִּים הָהֵם וַיָּמָת מֶלֶךְ מִצְרַיִם וַיֵּאָנְחוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מִן הָעֲבֹדָה**. רעדנדיג פון די פשט אז דער סיבה פונעם צרה איז געווען צוליב **וַיָּמָת מֶלֶךְ מִצְרַיִם...** די קעניג פון מצרים איז געווארן קראנק און קרעציג און מען האט ל"ע געשחט'ן טויזענטע קינדער... דערפאר איז "ויאנחו בני ישראל".

למעשה איז מיר גלייך שווער געווארן דער לשון, **וַיֵּאָנְחוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מִן הָעֲבֹדָה,** עס וואלט דאך געדארפט שטיין "ויאנחו בני ישראל מן השחיטת", וכדו'.

האבן איך געזעהן אינעם ספר "לקוטי תורה תבלין" א הפלא'דיגע תירוץ בשם רבי שמואל דוד וואלקין זצ"ל, **על מה שאמרו חז"ל שכל זמן ששהו בני ישראל במצרים,** כאטש וואס דער ארבעט איז זיי געווען זייער שווער, דאך איז זייער חיות געווען "די קינדער", אויפגעצויגן די קינדער, געארבעט פאר די קינדער, וכדו'. ווי חז"ל זאגן "**ואת עמלנו אלו הבנים**".

אבער ווי נאר מען האט אנגעהויבן שחט'ן די קינדער אויף אזא שטארקע פארנעם, "דאס הייסט אז דאס ביסל תקוה, דאס ביסל נחת, מיינע קינדער, גיי איך אויך נישט האבן..."

מיד **וַיֵּאָנְחוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מִן הָעֲבֹדָה**, יעצט איז שוין דער עצם ארבעט אויך געווארן שווער. "פאר וועמען ארבעט איך?"

*מאת ח. י. מ.*

## זיך נישט באקוועמט מאכן אין גלות.

בגליון פרשת ויחי, האט איר גשריבן וועגן דעם ענין פון זיך באזעצן אין גלות.. ווי איר שרייבט דארטן די ווערטער פון די רבי'ס "טייערע אידן, פארגעסט נישט אז איר זענט אין גלות! ווייל אויב מען פארגעסט, וועט מען אונז חלילה מוזן דערמאנען אויף אנדערע וועגן."

עס איז אינטרעסאנט צו באמערקן אז דער גאנצע ענין ווערט מורא'דיג ארויסגעברענגט אינעם ספר משך חכמה אין פרשת בחקתי, אויפן פסוק **ואף גם זאת בהיותם בארץ וכו' לא מאסתים ולא געלתים לכלותם**... ווי ער איז דארט מאריך אינעם ענין פון זיך נישט באקוועמט מאכן אין גלות, נישט ווערן א חלק פון די אומות העולם און די אלע אומגליקן וואס דאס ברענגט מיט זיך.

תו"ד שרייבט ער דארט איבער די אידן אין דייטשלאנד (נאך אסאך פריער פון ווען דער מלחמה האט זיך אנגעפאנגן) בא"ד מה יעשה חפץ האדם העשוי להתגדר ולחדש, יבקר ברעיון כוזב את אשר הנחילו אבותינו, ישער חדשות בשכוח מה היה לאומתו בהתנודדו בים התלאות, ויהיה מה, עוד מעט ישוב לאמר שקר נחלו אבותינו, והישראלי בכלל ישכח מחצבתו ויחשב לאזרח רענן, יעזוב לימודי דתו, ללמוד לשונות לא לו, יליף מקלקלתא ולא יליף מתקנתא, **יחשוב כי ברלין היא ירושלים**...

**אז יבוא רוח סועה וסער, יעקור אותו מגזעו, יניחהו לגוי מרחוק, אשר לא למד לשונו, ידע כי הוא גר**... עיי"ש, ווי ער איז ממשיך דארט מיט די ווערטער, שהיגעול והמיאוס, הוא סבה שאני אלקיכם...

*מאת י. ש. מאנסי*

## א שיינעם דערהער אין הודו.

לכבוד המערכת:

בנוגע דער באר מים חיים וואס איר שרייבט אז דערפאר איז דער תפילות יעצט ארויף מער ווי פריער, **כי כל זעקה הוא מן הלב וזה מתקבל יותר**, **כי זעקת הלב בלב נשבר ונדכה אף "אלקים" שהוא בחינת הדין לא תבזה אותו.**

האב איך אמאל געהערט נאכזאגן א פשט, ממש כעי"ז אין די קאפיטל פון הודו וואס מען זאגט ערב שבת. אז איר וועט מדייק זיין, וועט איר זעהן אז עס שטייט עטליכע מאל דער לשון פון **ויצעקו אל ה' בצר להם, ממצוקותיהם יצילם**, אבער עס שטייט אויך נאך א לשון **ויזעקו אל ה' בצר להם, ממצקותיהם יושיעם.**

וואס איז דער חילוק צווישן זיי? ווען עס איז "**ויצעקו**" איז טאקע באלד **ממצוקותיהם יצילם,** אבער נאר אן הצלה איז נאך נישט א גאנצע ישועה. פיל שטערקער איז אבער ווען עס איז "**ויזעקו**", דעמאלטס איז שוין **ממצקותיהם יושיעם,** דער גאנצע ישועה קומט.

*מאת משה פ.*

## וויפיל צייט איז געווען די מכות.

לזיכו הרבים: שרייב איך אייך די זמנים פון די מכות. עס קען זיין אז עס זענען דא מענטשן וואס ווילן דאס וויסן.

א- זאגט דער משנה אין עדיות (פ"ב מ"ב) "משפט המצריים **שנים עשר חדש**".

ב- פון ווען די מכות האבן זיך אנגפאנגן, האבן די אידן שוין נישט געארבעט. (עי' באוחה"ק)

ג- יעדע מכה האט געדויערט **30 טעג.** עס איז נאר דא מחלוקת וויפיל צייט איז געווען די התראה און וויפיל צייט איז געווען דער עצם מכה. ווי דער מדרש זאגט (שמות רבה פרשה ט): וימלא שבעת ימים אחרי הכות ה' את היאור, רבי יהודה ורבי נחמיה אחד מהם אומר כ"ד ימים היה מתרה בהם עד שלא בא המכה ושבעה ימים המכה משמשת בהם, ואחד מהם אומר ז' ימים מתרה בהם וכ"ד ימים היתה המכה משמשת בהם.

*מאת לוי מ.*

# צידה לדרך

**כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת** (מיכה ז, טו), זאגט דער מלבו"ם דאס גייט ארויף אויף אונזער יעצטיגן גלות. דער נביא זאגט אונז "טייערע אידן איר זאל וויסן דער אייבערשטער זאגט אונז צו... כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם, פינקט אזוי ווי ביי מצרים ווען די אידן זענען געווען צוקלאפט און צודריקט האט זיי אייבערשטער ארויסגענומען מיט א געוואלדיגן כח ובאותות ובמופתים, פינקט אזוי און נאמכמער וועט דער אייבערשטער אונז ארויס נעמען פונעם יעצטיגן גלות און "אראנו נפלאות" לעתיד לבוא.